בעזהשי"ת

# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א

## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון קל"ה / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת ראה / מנחם אב תשפ"ו

## הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זצ"ל

כ"א מנחם אב

### חלק ד' פונעם נס הצלה

**מען האלט אנהייב פון שנת תש"ד, ווי דער בעלזא רב איז געווען אין פעסט.**

### דער נייער אכסניא

נאך סוכות איז דער בעלזא רב אריבערגעגאנגען וואוינען אין אן אנדערע דירה פון ר' יוסף יודא ריינער ע"ה. ווען ער איז אנגעקומען אין שטוב, איז געווען דארט א קליין טישל, און בעלזא רב האט געהייסן מ'זאל עס רוקן אהער און אהין, ס'האט אויסגעקוקט ווי ער זוכט עפעס א פלאץ. שפעטער האט ער געפרעגט פונעם בילגורייער רב: "דער טאטע וואלט דא געשטאנען?" האט ער געזאגט: "יא יא..."

### דער פאליציי הויפט וויל נישט טשעפענען

אינמיטן חודש חשון האט דער הויפט פון די פאליציי גערופן דעם בעלזא רב, ער האט געוואלט שמועסן מיט אים פריוואט. בעלזא רב איז געווען זייער דערשראקן פון דעם, נישט וויסנדיג וואס ער וויל פון אים. למעשה ווען ער איז אנגעקומען צום הויפט האט ר' יוסף שאלאגא געוואלט זיין דער דאלמעטשעיר-דער מתורגמן, ווייל בעלזא רב האט נישט געקענט קיין אונגאריש און ער האט יא געקענט. דער פאליציי הויפט האט אבער בשום אופן נישט געוואלט, ער האט געוואלט זיצן מיט אים אליין. האט ער געפרעגט צי דער בעלזא רב קען דייטש, אויב יא איז נישט קיין פראבלעם, ווייל ער קען דעם שפראך.

כך הוה, זיי זענען געווען דארט אליין. ווען דער בעלזא רב איז ארויסגעקומען האט ער נישט דערציילט וואס דער שמועס איז געווען.

שפעטער איז מען געוואויר געווארן וואס די מעשה איז געווען: ווען די דייטשן זענען געוואויר געווארן אז דער בעלזא רב איז אנטלאפן פון זייערע הענט האבן זיי עס נישט אויסגעהאלטן, און זיי האבן אים ארומגעזוכט, ביז זיי זענען געוואויר געווארן אז ער איז אין פעסט, האבן זיי באפוילן פאר די רעגירונג אז מ'זאל אים שוין ארויסלאזן. האט דער פאליציי הויפט געפרעגט פון דעם בעלזא רב וואס ער זאל יעצט טון? ער האט געוואוסט אז ער איז א וואונדער-ראבינער, און האט אים נישט געוואלט טשעפענען, אבער פון דער אנדערער זייט האט ער מורא געהאט פון די דייטשן.

האט אים דער בעלזא רב געענטפערט, אז ער זאלווארטן א חודש/צוויי, און אינצווישן האפט ער צו באקומען זיין באשטעטיגונג צו קענען אוועקפארן קיין א"י, און נאכדעם וואס ער וועט אנטלויפן פון אונגארן וועט ער קענען זאגן אז ער האט אים געזוכט און נישט געטראפן.

ווען דער בעלזא רב האט פארלאזט די אונגארישע גרעניצן, האט ער געהייסן מ'זאל מודיע זיין פארן פאליציי הויפט אז ער איז שוין ארויסגעגאנגען. אזוי ווי ער האט דאס געהערט, איז געווארן א בהלה אין שטאט, די פאליציי זענען ארומגעגאנגען און איינגעזעצט אלע חסיד'ישע אידן אין תפיסה ביז ביינאכט. קיינער האט נישט געוואוסט וואס דאס איז. ביינאכט האט ער יעדעם ארויסגעלאזט.

ער האט געוואלט מאכן דעם אנשטעל ווי ער זוכט דעם בעלזא רב, און ער האט אים נישט געטראפן, איז ער פטור געווארן פון די דייטשע דרוק.

### נאכאמאל גיין אין גלות

צוליב די שטארקע דרוק פון די דייטשן אז מען זאל אים ארויסגעבן. האט מען באשלאסן אים ארויפצונעמען קיין ארץ ישראל.

זונטאג ווארא כ' טבת, האט ער זיך אריבערגעצויגן צום הויז פון ר' יוסף שאלאגא, ווייל ער האט געדארפט פארן מאנטאג, ער האט אבער מקפיד געווען נישט אנצוהייבן די וועג אין ב'ד', האט ער אנגעהויבן צו פארן זונטאג.

מאנטאג האט ער געלאזט רופן הרה"ח ר' חיים שלמה פרידמאן ע"ה [וועלכער האט גאר אסאך געטון פאר די הצלה פון דעם בעלזא רב נאך אין פוילן, און זיך ממש מוסר נפש געווען פאר דעם, און שפעטער האט ער אויך אריבערגעשווערצט דעם גרעניץ קיין אונגארן], אז ער זאל אים העלפן זיך צוגרייטן צו דער נסיעה. זיי האבן זיך פארשטעלט ווי גויים להבדיל.

ער האט זיך געטוישט אויף דייטשע קליידער, און ווען ער האט זיך אנגעטון האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: "געב אהער די גלות קליידער..." אפילו די ציצית האט ער געדארפט אויסטון. עס זענען געווען דארט צוויי ברידער, הרה"ח ר' אהרן און הרה"ח ר' יוסף געליס ע"ה, זיי האבן געהאט אזעלכע ציצית ארייגעלייגט אין די כנפות אז מ'זאל עס נישט באמערקן, האבן זיי עס אהינגעגעבן פארן בעלזא רב און פארן בילגורייער רב, און זייערע אייגענע ציצית האבן זיי געגעבן פאר די געליס ברידער. בעלזא רב האט זיי אנגעוואונטשן, און זיי ביידע זענען ניצול געווארן פון דער מלחמה.

### איך האב געטון וואס איך קען

ווען מ'האט געהאלטן ביים אוועקפארן איז די טעקסי געשטאנען אינדרויסן, און א גרויסער עולם איז געשטאנען ארום און זייער געוויינט אז דער רבי לאזט זיי איבער. זיי האבן זיך ממש געוואלט אונטערלייגן אונטערן קאר אז ער זאל נישט קענען אוועקפארן. דער בעלזא רב האט געקרעכצט און געזאגט מיט א קול בוכים: "איך האב רחמנות אויף די אידן, איך האב געטון וואס איך האב געקענט. איך האב איינגעריסן, נו, וואזשע זאל איך טון?..."

פארציילט ר' חיים שלמה פרידמאן א פלא, אז אזויווי ער איז אריין אין טעקסי איז אראפגעקומען א דיקע נעפל, אז מ'האט ממש נישט געזען די טעקסי. ס'זענען געווען דארט נאך קארן וואס האבן געוואלט באגלייטן כאטש ביזן באן, ס'איז אבער נישט געווען מעגליך צוליב די נעפל... הרה"ח ר' ישראל שטערן ע"ה האט דערציילט, אז ער האט געוואלט מאכן א בילד פונעם בעלזא רב, ס'איז אבער געווען אזא גאס רעגן אז מ'האט נישט געקענט מאכן דעם בילד.

### די פיר אכסניות האט געראטעוועט די געטא

מען דערציילט א דבר פלא, אז ווען די נאציס ימ"ש זענען שפעטער אריינגעקומען אין אונגארן, איז נתברר געווארן, אז די פיר פלעצער אין פעסט וואו בעלזא רב איז איינגעשטאנען דורכאויס די פאר חדשים, איז געווען די פיר עקן פון די גרעניצן פון די געטא! דאס איז געווען די איינציגסטע געטא פון גאנץ אונגארן פון וואו מ'האט נישט אפגעפירט קיין אוישוויץ, און רוב מענטשן זענען געבליבן לעבן.

*

## מ'פארט קיין ארץ ישראל

### געשיקט דעם בחור קיין ארץ ישראל

פון די טעקסי איז מען ארויף אויפן באן, וואס איז געווען א גרויסער סכנה, ווייל מ'איז דאך דורכגעפארן מדינות וואו די דייטשן האבן זיך געדרייט. צווישן די מיטרייזנדע אויפן באן איז געווען א בחור ר' משה יעקב זילבער ע"ה, ער איז געווען אן אלטער בחור פון זעקס און צוואנציג יאר, וואס דעם בחור'ס גאנצע פארן איז אויך געווען צו פארדאנקען דעם בעלזא רב, ווייל אמאל אין פעסט איז ער אריין צום בעלזא רב נעמען א ברכה, און איידערן ארויסגיין האט אים בעלזא רב געזאגט: "בחור'ל, פאר קיין א"י".

ער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב, און בעלזא רב רופט אים צוריק: "בחור'ל, פאר קיין א"י". נאכדעם א דריטע מאל. גלייך נאכדעם האט ער טאקע אפגעקויפט פון איינעם א טיקעט, יענער האט שפעטער חרטה געהאט, אבער נאך א דין תורה איז געבליבן אז ס'בלייבט ביי דעם בחור.

### דער נייער הויז-בחור

אויפן וועג איז ער טאקע געפארן צוזאמען מיטן בעלזא רב, ווען בעלזא רב האט אים געזען האט ער געזאגט: "דו ביסט געווען ביי מיר, און זעסט ב"ה אז מ'פארט שוין". דערנאך האט אים בעלזא רב געבעטן צו זיין זיין משמש דורכאויס די גאנצע וועג. פארשטייט זיך אז ער האט עס גלייך אנגענומען מיט גרויס התרגשות, אבער בעלזא רב האט אים געזאגט: "טראכט עס איבער מיט ישוב הדעת, און קום צוריק מיט תשובה".

איז ער צוריקגעקומען אפאר מינוט שפעטער און געזאגט אז ער איז גרייט. האט אים בעלזא רב געזאגט: "איך וועל דיך רופן משה'לע". בעלזא רב האט אים אנגעכאפט און געזאגט: "אזויווי איך כאפ דיר יעצט אן די האנט נעבן מיר, אזוי זאלסטו מיר שטיין צו די האנט ביז מ'וועט אנקומען קיין א"י". בעלזא רב האט אים דריי מאל געזאגט נאכאמאל ער זאל זיך מיישב זיין, און פארשטייט זיך אז ער האט געענטפערט אז יא. האט אים בעלזא רב געזאגט: "אויב אזוי, בלייב שוין נעבן מיר, און וואס איך זאג דיר זאלסט טון, זאלסטו טון בשלימות".

ער האט דערציילט, אז ווען דער באן איז דורכגעפארן דעם טייך 'דונא', האט זיך בעלזא רב אנגערופן: "א חידוש, פון אזא וואסער אזעלכע גוטע פיש..."

### די פילע דעסטינאציעס

מ'איז דורכגעפארן די גרעניץ פון אונגארן קיין רומעניע ביזן שטאט אראד. אין אראד האט אפגעווארט א גרויסער עולם, זיי האבן שוין געוואוסט אז דער בעלזא רב דארף אנצוקומען. פון דארט איז מען געפארן קיין טעמעשוואר, וואס דארט האט אויך אפגעווארט א גרויסער עולם. פון דארט איז מען געפארן קיין בראשוב, און פון דארט קיין בוקארעסט.

אין בוקארעסט האט ער איבערגענעכטיגט פאר איין נאכט. דער פאלטישאנער רבי זצ"ל האט געוואוינט אין בוקארעסט, האט ער אים אפגעווארט און מקבל פנים געווען. דער בעלזא רב איז געגאנגען באזוכן דעם באהוש'ער רבי זצ"ל, און פון דארט איז ער געגאנגען צום פאלטישאנ'ער רבינ'ס הויז.

### א ברכה פון א ריינע אידישע יונגל

פארטאגס האט ער געבעטן אז ער וויל מ'זאל אים פארשאפן א קליינע יונגל וואס איז 'זך וטהור', וואס ער וויל באקומען א ברכה פון אים פאַרן פאָרן.

ס'איז געווען פארטאגס, וואו האט מען יעצט א יונגל, בפרט אז רוב ארטיגע איינוואוינער זענען געווען פליטים פון די מלחמה. למעשה האט מען געטראפן א קינד, מ'האט אים אויפגעוועקט און געברענגט צום בעלזא רב. דאס קינד האט טאקע אנגעוואונטשן דעם בעלזא רב ער זאל זוכה זיין דורכצוגיין די גרעניצן בשלום, און אנקומען בשלום קיין ארץ ישראל.

### איבערגעלאזט די תכשיטים פארן נעפיו

דער בעלזא רב האט געפראוועט און גענומען פדיונות, און פארן אוועקפארן האט ער אלעס אוועקגעגעבן פארן פאלטישאנער רבי, און אים געזאגט: "טאמער וועט קומען מיין נעפיו דער קאלאראשער רבי [דער רבי ז"ל], זאל ער געבן א חלק פון די פדיונות מיט תכשיטים [וואס מ'האט מיטגענומען ביז דארט, און דער בעלזא רב האט נישט געוואלט אז מ'זאל עס ווייטער מיטנעמען] פאר די רביצין, הרבנית טראני ע"ה.

### מער זאלסטו מיר נישט לאזן אליין...

פון דארט איז מען געפארן צום שטאט דזשארדזשעוו, וואס דארט איז געווען דער גרעניץ פון רומעניע צו בולגאריע. מ'איז אראפ פונעם באן, פון דארט איז מען מיט א שיף דורכגעפארן דעם טייך דונא, און פון דארט האט מען געווארט אויף א באן.

בשעת'ן ווארטן איז אנגעקומען א גוי, און אוועקגע'גנב'עט דעם פעקל פון בעלזא רב, וואס אין דעם פעקל איז געווען עפעס טועם צו זיין, און דאס איז געווען ממש זיין חיות. איז דער משמש ר' משה גלייך נאכגעלאפן דעם גוי, און עס געוואלט צוריקכאפן, האט אים דער בעלזא רב געזאגט אז ס'פעלט נישט אויס. ער האט אבער געוואוסט אז דער בעלזא רב וועט נישט האבן עפעס אנדערש צו עסן איז ער אים נאכגעלאפן. ס'האט אבער גארנישט געהאלפן, דער גוי איז אנטלאפן.

ווען ער איז צוריקגעקומען אויסגעמוטשעטערהייט, זעט ער פונדערווייטנס אז בעלזא רב פרובירט ארויפצוגיין אויפן באן וואס איז געווען צו הויעך, ער איז דאך געווען קראנק און שוואך, ער איז אראפגעפאלן אויף א שטיין, און ממש פאר'חלש'ט געווארן.

ער האט גלייך אנגעהויבן דערמינטערן דעם בעלזא רב. אזויווי דער בעלזא רב האט זיך אויפגעוועקט האט ער געהאט תרעומות אויף אים: "איך האב דיר דאך געזאגט אז דו זאלסט מיר נישט אפלאזן..."

האט ער זיך פארענטפערט אז ער איז נאכגעלאפן דעם גנב, האט אים דער בעלזא רב געזאגט: "נאכאמאל טו מיר נישט אזא זאך..." האט ער שוין פארשטאנען אז ס'איז נישט אזוי פשוט, מ'טאר נישט

איבערלאזן דעם בעלזא רב. בעלזא רב האט געזאגט, אויף צום לעבן וועט מען קויפן ווארעם וואסער אן קיין מילך און טיי, און ר' משה האט געזאגט אז ער האפט אז מ'וועט עס קענען קויפן.

## כמעט גארנישט געגעסן

האט דער בחור געזאגט פארן בעלזא רב, אז ער האט ביי זיך אין טאשקע אביסל מזונות וואס זיין מאמע האט אים איינגעפאקט, האט דער בעלזא רב געזאגט: "מ'וועט זען". אביסל שפעטער, נאך צוויי טעג גארנישט עסן, האט דער בעלזא רב מסכים געווען צו עסן א שטיקל פון זיין געבעקס וואס ער האט געהאט ביי זיך.

נאך אפאר שעה זענען זיי אנגעקומען צו סופיע - דער הויפט-שטאט פון בולגאריע. פון דארט איז מען געגאנגען איבערנעכטיגן אין א האטעל. צופרי האט מען געקויפט אפאר עפל, און מ'האט זיך קוים איינגעבעטן אז בעלזא רב זאל עסן א שטיקל עפל.

דורכאויס די גאנצע וועג איז בילגורייע רב מיטגעפארן, אבער בעלזא רב האט געהייסן אז בילגורייע רב זאל זיך רוקן אז ר' משה זאל קענען זיצן נעבן אים.

## די שווערע וועג קיין טערקיי

פון דארט איז מען געפארן קיין טערקיי, וואס איז געווען זייער א שווערע וועג. ס'איז דאך געווען מלחמה צייטן, איז נאר געווען א לאסט-באן אן קיין דאך, און ס'איז געווען געפרוירן קאלט, ממש מסוכנ'דיג פארן בעלזא רב. האט דער גבאי גענומען צוויי שמאטעס וואס ער האט געהאט ביי זיך, און מיט דעם צוגעדעקט דעם בעלזא רב. קודם האט ער נישט געוואלט, אבער דער גבאי האט זיך איינגעבעטן און געזאגט: "דער רב האט דאך מיר געזאגט אז איך זאל אייביג אכטונג געבן אויפן רבי'ן". ער האט געזאגט אז אויב בעלזא רב איז נישט מסכים וועט ער זיך אפזאגן פון דאס שמשות... דעמאלס האט בעלזא רב מסכים געווען.

אויפן באן איז נישט געווען קיין בענק, האט מען געדארפט שטיין די גאנצע וועג, אדער זיצן אויפן ערד, און מ'האט זיך געווארפן אהין און צוריק. דער משמש האט זיך ממש אוועקגעגעבן לייב און לעבן, ער האט אונטערגעהאלטן דעם בעלזא רב דעם גאנצן וועג, אז בעלזא רב זאל זיך כאטש קענען אנלאנען אויף אים. אזוי זענען זיי געפארן אגאנצן טאג און אגאנצע נאכט אן קיין אפשטעל.

## פעלט נישט אויס בודק צו זיין דעם אלטן

פרייטאג צופרי זענען זיי אנגעקומען צו א שטאט 'צווילינגראד', וואס דאס איז די גרעניץ פון בולגאריע קיין טערקיי. דארט זענען שוין געווען דייטשן וואס האבן באלעבאטעוועט, און דאס זענען געווען איינגעשטעלטע און גורל'דיגע מינוטן אז מ'זאל דורכגיין בשלום. די רשעים האבן דארט געלייגט אן עקסטערע געוויכט, וויל זיי האבן געוואוסט אז דורך די וועג אנטלויפט מען קיין טערקיי, און אלע וואס זענען דארט געפארן האבן זיך געגרייט אז ס'וועט זיין א שווערע אונטערזוכונג דורך די געסטאפא.

די באן האט זיך אפגעשטעלט, די טיר האט זיך געעפנט, פלוצלינג זענען דארט געשטאנען די געסטאפא, זיי האבן אנגעהויבן אונטערזוכן אלע מענטשן צי מ'האט די ריכטיגע פאפירן, און צי אלעס איז לעגאל, אנדעם וואס מ'זאל אנטלויפן. ס'איז געווען זייער א שווערע בדיקה, מיט גרויס רשעות.

דער הויפט פון די געסטאפא איז קודם אריין צום ערשטן וואגאן, נאכדעם איז ער געגאנגען צום צווייטן וואגאן, וואו דארט איז דער בעלזא רב געזעסן מיט פארמאכטע אויגן. בעלזא רב איז געווען ממש ווייס פאר שרעק, און געהאלטן איניין זאגן און זאגן. דער הויפט איז געגאנגען פון איינעם צום צווייטן. ווען ער איז אנגעקומען צום בעלזא רב האט זיך דער הויפט אנגערופן: "ס'איז נישט נייטיג, איך וויל דיזן אלטן מאן נישט באלעסטיגן" [איך וויל אים נישט שטערן], און ער איז געגאנגען ווייטער.

ר' משה האט שפעטער דערציילט, אז דער דייטש האט אים געפרעגט אויפן בעלזא רב ווער דאס איז? האט ער געענטפערט אז דאס איז זיין פעטער, און ער האט געפרעגט פונעם גענעראל צי ער וויל אים בודק זיין, האט דער גענעראל געזאגט אז ניין...

אזוויי די געסטאפא איז ארויסגעגאנגען, האט ער געזאגט פארן בעלזא רב אז די סכנה איז ב"ה פאריבער, האט דער בעלזא רב געגעבן א שמייכל, און געפרעגט וואו איז דער גענעראל געגאנגען? האט ער געענטפערט אז ער איז געגאנגען צום צווייטן וואגאן וואו דער בילגורייער רב זיצט. איז דער בעלזא רב געזעסן ווייטער פארטראכט פאר אפאר מינוט. און ב"ה זיי זענען ארויסגעגאנגען מאפילה לאורה.

נאכדעם זענען די טערקישע מיליטער ארויפגעקומען, און נאכאמאל אנגעהויבן בודק זיין צו באשטעטיגן אז זיי מעגן אריינקומען אין טערקיי.

## א שבת טיש אויפן באן מיט מלאכים

פון דארט איז מען ווייטער געפארן. אינצווישן איז געווארן שבת, די זמן הדלקת נרות, מ'האט געזאגט 'הודו', און בעלזא רב האט געמאכט א שטיקל טיש אויפן באן, איינער האט געמאכט קידוש. ס'איז געווען דארט א פרוי [די פרוי פון ר' לוי יצחק מגיד], האט זי געגעבן צוויי ברויט פאר לחם משנה וואס זי האט מיטגעברענגט פון פעסט. איינער האט געברענגט פיש, אבער בעלזא רב האט נישט געוואלט טועם זיין נאר א שטיקל מזונות וואס ר' משה האט געהאט ביי זיך, און א שטיקל עפל וואס מ'האט געקויפט פריער. נאכדעם האט בעלזא רב געפירט טיש, און געזאגט תורה.

אזוויי ער האט אנגעהויבן זאגן תורה האט ער געזאגט ממש דעם זעלבן לשון וואס ער פלעגט זיין געוואוינט צו זאגן: "שטופטס ענק נישט, שטייטסט פונדערווייטנס אז אלע זאלן קענען הערן..." הגם ס'זענען געווען נאר איינצעלנע גוים.

ווען דער בילגורייער רב האט דאס איבערדערציילט האט ער געזאגט: "מיין ברודער דער בעלזא רב, רעדט נישט קיין בחינם'דיגע ווערטער, מוז מען זאגן אז די מלאכים זענען געקומען הערן די תורה, און פאר זיי האט ער געזאגט אז זיי זאלן זיך נישט שטופן..."

## אז ס'איז פיקוח נפש דארף מען גיין

שבת צופרי זענען זיי אנגעקומען קיין איסטאמבול, אבער בעלזא רב האט נישט געוואלט אראפגיין וויל ער האט נישט קונה שביתה געווען, טאר מען נישט גיין אויסערן תחום. איז געווען דארט הרה"ח ר' יעקב גריפל ע"ה, וואס ער פלעגט אסאך טון פאר אידן, און ער האט אפגעווארט דעם בעלזא רב, האט ער געזאגט אז ס'איז א סכנה צו בלייבן אין אזא קעלט, ס'איז ממש פיקוח נפש. האט בעלזא רב געזאגט: "שוין, אויב א איד זאגט מיר אז ס'איז פיקוח נפש קען מען ארויסגיין פון דא".

אנצוקומען צום שטאט האט געדויערט צו גיין אנדערטהאלבן שעה, פארשטייט זיך אז דער בעלזא רב האט נישט געהאט קיין כח צו גיין, האט ער געזאגט: "איך מיט מיין ברודער וועלן פארן, וויל אונז האבן נישט קיין כח, ס'איז פיקוח נפש, און איך האלט ר' משה אז דו מעגסט אויך פארן". דער גבאי האט אבער נישט געוואלט פארן, איז ער געגאנגען פאר בערך א שעה אהאלב צופיס.

ווען ער איז אנגעקומען צום שטאט האט מען גערופן א דאקטער וויל ער איז געווען ממש אפגעשוואכט, האט דער דאקטער געזאגט אז נאך אזא שווערע וועג מוז זיך בעלזא רב אפרוען כאטש א וואך צייט ביז ער וועט קומען צו די כוחות.

## אכטע דור פון סמיכת חכמים, מ'וועט אבער אנקומען

האט דערציילט הרה"ח ר' מרדכי פעדער ע"ה, אז בשעת'ן זיין אין איסטאמבול האט בעלזא רב געזאגט, אז הגה"ק רבי נפתלי כ"ץ ז"ל, דער בעל 'סמיכת חכמים', האט געוואלט פארן קיין א"י, אבער זייענדיג אין איסטאמבול האט ער געזאגט: "איך וועל נישט מאכן די וועג קיין א"י, אבער דער צוועלפטער דור פון מיר וועט יא מאכן די וועג". האט דער בעלזא רב אויסגעפירט: "הגם אונז זענען נאר די אכטער דור, זאל עס אבער חל זיין אויף אונז..."

## אנגעקומען קיין א"י

ג' בשלח ז' שבט - נאך צען טעג זיין אין איסטאמבול - איז מען ארויף אויפן שיף פאר א שעה צייט. אינמיטן וועג אויפן שיף האט בילגורייער רב געזאגט פארן בעלזא רב: "מ'קומט שוין אן קיין א"י!" האט בעלזא רב געזאגט: "די עניינים וואס איך האב געהאט אינדערהיים מיט די פיש, האב איך כמה וכמה טעמים אז אין ארץ ישראל וועל איך זיך נישט פירן אזוי..."

נאך א שעה צייט פארן אויפן שיף איז מען אנגעקומען, און פון דארט איז מען געפארן מיט א באן קיין דמשק - די הויפט-שטאט פון סיריע. פון דארט איז מען געפארן קיין חאלאב-ארם צובה וואס איז אויך אין סיריע.

דאנערשטאג בשלח ט' שבט תש"ד, איז געווען דארט איינער ר' יעקב צרפתי ע"ה וואס ער האט געהאט א קאר, האט מען אים געדונגען צו נעמען דעם בעלזא רב פון סיריע קיין א"י.

איינס אזייגער איז מען אנגעקומען בשלום קיין ביירות - די הויפט-שטאט פון לבנון, דארט איז מען איינגעשטאנען אין א האטעל. דריי אזייגער איז מען אוועקגעפארן פון ביירות, נאך צוויי שעה איז מען אנגעקומען צו די גרעניצן פון א"י. מ'האט זיך אפגעשטעלט אינעם שטאט 'נהריה'.

## אז בעלזא רב האט דארט געדאווענט קען מען וואוינען

הרה"צ ר' דוד אבוחצירא שליט"א - דער זון פון הרה"צ ר' מאיר זצ"ל, א זון פון דער בבא סאלי זצ"ל, האט פארציילט, אז ווען זיין טאטע ר' מאיר האט אים געהייסן גיין וואוינען אין נהריה, האט ער געפרעגט פונעם זיידן דער בבא סאלי דערוועגן, האט אים דער בבא סאלי געזאגט, אז ער זאל מברר זיין אויב איינער פון די תלמידי בעל שם זענען געווען אמאל אין דעם שטאט. שפעטער איז ער געוואויר געווארן אז דער בעלזא רב איז געווען דארט און געדאווענט מנחה. האט אים דער בבא סאלי געזאגט: "אויב אזוי וועט נאך נהריה זיין אן עיר ואם בישראל".

## א צדיק בלייבט נישט שולדיג

ס'איז אינטערעסאנט צו זען וואס דאס מיינט אז צדיקים בלייבן נישט שולדיג פאר קיינעם, אפילו פאר חסידי אומות העולם, אויב זיי טוען א חסד פאר א איד.

הרה"ח ר' אפרים גרינבוים שליט"א האט פארציילט תשעה באב ביי זיין דרשה, אז אין שנת תשנ"ד איז דער אונגארישער גענעראל [וואס האט ארויס געראטעוועט דעם בעלזא רב], אנגעקומען קיין בראזיל. און דעמאלטס האט ער פארציילט, אז ער האט זיך שפעטער נאכאמאל געטראפן מיט'ן הייליגן בעלזער רב, און דער בעלזער רב האט אים אנגעוואונטשן א געוואלדיגע ברכה. ער האט אים מבטיח געווען, און ער האט אים געזאגט: אין דעם זכות וואס ער איז געשטאנען אין זיין הצלה און צו העלפן נאך אידן, זאל דער רבונו של עולם העלפן אז ער זאל נישט וויסן פון קיין שום שלעכטס זיין גאנצע לעבן. און ווען ס'וועט קומען די צייט, נאך אריכות ימים, זאל ער שטארבן מיט א מיתה טבעית, א טבעית'דיגע מיתה.

האט דער גוי פארציילט אז אין יענע צייטן ביי די מלחמה, איז גארנישט געווען אזוי פשוט צו קענען שטארבן א טבע'דיגע מיתה, ס'איז ליידער געפאלן מענטשן פון רעכטס און לינקס. און ער האט אויפגעמאכט די קנעפלעך פון זיין העמד, און ער האט געוויזן ווי אויף זיין גוף איז דא פול מיט סימנים פון קוילן וואס איז געפלויגן אויף אים, און ער איז פון אלעס געראטעוועט געווארן. ס'האט אים גארנישט פאסירט, און ער האט אלעס דורכגעלעבט איינגאנצן.

ער האט געזאגט אז מ'וואלט געזען דעם הייליגן בעלזער רב, זיינע אויגן, וואלט מען געזעהן וואס מיינט א קדוש, אפילו להבדיל א גוי האט פארשטאנען צו דעם.

זעט מען פון דעם, אפילו פאר א גוי וואס האט געטוהן פאר צדיקים, האבן זיי צוריקבאצאלט מיט הכרת הטוב. על אחת כמה וכמה, מדה טובה מרובה, להבדיל ביי די אידן וואס האבן ארויסגעהאלפן דעם הייליגן בעלזער רב און אנדערע צדיקים, איז אוודאי אז די זכות וועט זיי ביישטיין, און זיי וועלן באצאלט ווערן מיט אלעס גוטס אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו**

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל


עריכת והפצת גליון סיפורי צדיקים
נס הצלת **הרה"ק מבעלזא זצ"ל והרה"ק מבילגורייא זצ"ל**
נתנדב ע"י הרה"ח ר' **שלום יוסף אונגער** שליט"א
זכות הצדיקים יגן עליו ועל משפחתו
להתברך בבני חיי ומזוני רויחי ולרפואות ולישועות ולכל מילי דמיטב



**להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658**
**עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865**
**צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com**